# גליון שיחתי

שיעורי הרב
משה יצחק אויסטערליץ
שליט"א

ר
ראש השנה תשפ"ז


## "ראש השנה שחל בשבת"

### "דריי מצוות" ארבעטן צוזאמען

די גמרא ברענגט דעם טעם אויף דעם וואס מ'בלאזט נישט קיין "תקיעת שופר" אום שבת, אז דאס איז די זעלבע ווי דעם "טעמא דלולב" און "טעמא דמגילה". דער ענין פון דעם קשר צווישן די דריי מצוות ווערט דערמאנט אינעם ספר אגרא דכלה,(וישלח) אז עס איז מרומז אינעם ווארט "שלם". שלם איז ראשי תיבות: שופר, לולב, מגילה. אפשר קען מען זאגן בדרך רמז, לויטן לשון הגמרא: "אין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק". דא ווייזט מען אז עס איז דא עפעס א קשר צווישן אלע דריי מצוות צוזאמען, און די שלימות קומט דוקא דורך אלע דריי.

ווען מען גייט שאקלען לולב, זאגט מען דארט א "יהי רצון" פארן שאקלען; אלעס זענען הויכע זאכן, מען איז פארנומען מיט "אותיות שמך המיוחד, ולידע איך שמך נקרא עלי". דער ענין פון לולב איז אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל זיין בשלימות אויף אונז. דער ענין פון תקיעת שופר איז דאך אז דער אייבערשטער זאל אויפשטיין פון כסא דין און זיך זעצן אויף כסא רחמים. קומט אויס אז שופר איז דער ענין פון "כסא", און לולב איז דער ענין פון "שם" - "איך שמך נקרא עלי". דער ענין פון מגילה דאס איז דאך "מחיית עמלק".

זאגט מען אזוי: "אין השם שלם" - דער "שם", וואס איז לולב, איז נישט בשלימות; "ואין הכסא שלם" - און דער "שופר" איז נישט בשלימות; "עד שימחה זרעו של עמלק" -מען מוז אויך צושטעלן די מגילה.

> דער ענין פון תקיעת שופר איז אז דער אייבערשטער זאל זיך זעצן אויף כסא רחמים.

ווען מען מאכט א שילוב פון אלע דריי: שופר וואס איז "כסא", לולב וואס איז "שם", צוזאמען מיט מחיית עמלק, דאס ווערט טאקע זיין "שלם", וואס איז די ראשי תיבות פון שופר, לולב, מגילה.

דער הייליגער בני יששכר זי"ע אין זיין ספר "ריח דודאים" אויף מסכת מגילה זאגט א פשט על פי נגלה: פארוואס ברענגט די גמרא אלעמאל אראפ די דריי מצוות צוזאמען - שופר, לולב און מגילה? ער זאגט אז עס מוז זיין אז מען האט גוזר געווען אויף "אלע דריי צוזאמען" אז ווען עס קומט אויס שבת זאל מען נישט מקיים זיין די מצוות. וואס איז דער הכרח דערצו? מען זעט אפט אין גמרא אז עס איז דא א געוויסער פאל וואס מען וואלט אפשר נישט געדארפט גוזר זיין, אבער "כולא חדא גזירה" - אז מען מאכט א גזירה, מאכט מען עס שוין בשלימות, הגם דער חשש איז נישט שטענדיג אזוי גרויס. ווען מען באטראכט די דריי מצוות, זעט מען אז דער חשש אז מען וועט צוקומען צו אן איסור איז נישט גלייך ביי אלע דריי.

לכאורה ביי מגילה איז דא דער גרעסטער חשש, בשעת ביי שופר און לולב איז דער חשש נישט אזוי שטארק. פארוואס? די גמרא מאכט א "הקדמה", ווען רבה איז מסביר פארוואס מען לייגט נישט די מגילה אום שבת. זאגט רבה: "הכל חייבין בקריאת המגילה, ואין הכל בקיאין במקרא מגילה". יעדער איז מחויב אין דער מצוה, אבער נישט יעדער איז בקי וויאזוי מען טוט עס, דעריבער איז דא א גזירה "שמא ילך אצל חכם אצל בקי" און מען וועט עס טראגן ארבע אמות אין רשות

הרבים.

וואס וויל די גמרא דערמיט ארויסברענגען אז "הכל חייבין". מגילה ליינען איז א חיוב אויף יעדן איד אליין. דאס וואס מען קען יוצא זיין מיט הערן די מגילה איז נאר צוליב "שומע כעונה", עס איז כאילו ער וואלט אליין געליינט. אבער וואס איז די "מצוה" צו ליינען די מגילה. וואס איז אבער די מצוה פון תקיעת שופר? עס וואלט זיך געקענט מיינען אז עס איז א מצוה פאר יעדן איד צו בלאזן שופר, און מען קען "יוצא זיין" דורך הערן פון א צווייטן. אבער דאס איז נישט ריכטיג; עס איז בכלל נישט קיין מצוה מן התורה צו בלאזן שופר. די מצוה איז צו "הערן" שופר פון איינעם וואס בלאזט כדת וכדין און איז א בר חיובא. עס איז דא א געוויסע צורה וויאזוי "תקיעת שופר" דארף אויסזען, אבער די מצוה פון יעדן יחיד איז נישט דאס בלאזן, נאר די שמיעה. מען זעט דאס טאקע קלאר פונעם נוסח הברכה "לשמוע קול שופר".

ביי א מצוה וואס יעדער יחיד איז אליין מחויב צו ליינען, ווי מגילה, האט א מענטש א געוואלדיגן עול; ער איז בהול עס צו טון, דעריבער וועט ער שנעל נעמען די מגילה און לויפן צו א בקי ער זאל אים אויסלערנען. אבער ביי תקיעת שופר איז מען נישט אזוי פארלוירן; די דארפסט דאך נישט אליין בלאזן, די קענסט פשוט גיין צו איינעם וואס זאל בלאזן פאר דיר. געווענליך האט א בעל תוקע זיין אייגענעם שופר, ממילא איז דאס א "ווייטער חשש" אז א מענטש וואס קען נישט בלאזן וועט נעמען א שופר און לויפן צו א צווייטן. קומט אויס אז ביי מגילה איז עס א נאנטער חשש, ווייל "הכל חייבין במקרא מגילה" און יעדער דארף עס אליין קענען, אבער ביי תקיעת שופר, וואו די מצוה איז צו הערן, איז עס א ווייטער חשש.

ביי לולב איז אויך דא א קליינע חשש, ווייל ביי לולב איז נישט דא אזוי ווייט פארוואס צו גיין צו א בקי. סתם צו נעמען א לולב האט דאך נישט קיין סאך פרטי הלכות; מען דארף נישט קענען שאקלען דעם לולב, מען דארף עס נאר קענען "נעמען אין די האנט" מיט א ברכה, מען הייבט עס אויף און מען איז שוין יוצא - א נטילה בעלמא און מען איז שוין יוצא. ער וויל טאקע גיין צום חכם ער זאל אים אויסלערנען די ענינים און די פרטים, אבער ער איז בכלל נישט פארלוירן אדער בהול פארן עצם קיום המצוה. קומט אויס אז ביי שופר איז עס א ווייטע חשש, ווייל פארוואס זאל ער גיין נעמען "זיין" שופר אין א צייט וואס ער דארף בכלל נישט די מצוה פון "בלאזן" שופר, נאר פון "שמיעה," פון הערן דעם שופר?

> היות נישט יעדער קען בלאזן שופר, איז על כרחך אז די מצוה איז נישט דאס בלאזן שופר נאר דאס הערן דעם שופר.

ביי לולב איז עס א ווייטע חשש, ווייל בעצם איז נישטא וואס צו קענען אזוי ווייט. די עיקר מצוה קען ער מקיים זיין אן צו גיין צו יענעם; אפילו אויב ער וועט עס נישט בינדן פונקטליך מיט אלע קיישעלעך, וועט ער אויך יוצא זיין די מצוה, דעריבער איז ער נישט פארלוירן. ביי מגילה אבער, דארטן איז מען די מערסטע פארלוירן. מוז מען זאגן, זאגט דער הייליגער "ריח דודאים", אז די "עיקר גזירה" איז געווען ביי מגילה, און בחדא מחתא האט מען שוין גוזר געווען אויף אלע דריי. מיט דעם וועט מען אלעמאל איבערחזר'ן: היינו טעמא דשופר, היינו טעמא דלולב, היינו טעמא דמגילה - מסביר צו זיין אז די עיקר סיבה פארוואס מען האט גוזר געווען אין אלע פלעצער איז נאר געווען א "צירוף", ווייל מען האט איינמאל גוזר געווען אויף די אלע דריי מצוות.

## מ'דארף נישט קענען בלאזן...

די נקודה וואס דער הייליגער "בני יששכר" ברענגט דא ארויס אז שופר איז נישט די מצוה פון "בלאזן" נאר פון "שמיעה", אבער עס דארף זיין איינער וואס בלאזט כדי מען זאל קענען יוצא זיין. איז דא אין דעם ענין א תשובה אין "כתב סופר" (סימן ק"ד), וואו ער זאגט אז ער האט א חידוש אויף די גמרא. ער איז מורא'דיג משבח דעם חידוש און רופט עס אן א "דבר יקר", א מתנה וואס דער אייבערשטער האט אים געשיקט פון הימל. ער לערנט פשט אז די לשון הגמרא ביי שופר איז אויך אזוי: די גמרא פרעגט, פארוואס קען מען נישט בלאזן שופר אום שבת? זאגט די גמרא: "הכל חייבין בתקיעת שופר ואין הכל בקיאין, וגזירה שמא ילך אצל בקי". וואס איז די הקדמה וואס די גמרא מאכט "הכל חייבין בתקיעת שופר"? עס איז דאך א דבר ידוע אז א מצות עשה דאורייתא איז יעדער איד מחויב! פארוואס דארף די גמרא מקדים זיין אז "יעדער איז מחויב" פארן זאגן אז "נישט יעדער איז א בקי"?

זאגט ער, אז עס קען זיין אז אין די ווערטער האט די גמרא "באהאלטענערהייט" פארענטפערט א קשיא וואס איז ערגעץ געבליבן שווער און מען זעט נישט אז די גמרא זאל עס פארענטפערן. מיט דעם אויסדרוק, וואס זעט אויס ווי אן אריכות הלשון - "הכל חייבין בתקיעת שופר ואין הכל בקיאין" - ווערט פארענטפערט א קשיא. וועלכע קשיא איז שווער געבליבן, און וויאזוי ווערט עס פארענטפערט מיט דעם אויסדרוק? זאגט דער "כתב סופר" א וואונדערליכן פשט: קודם זאגט די גמרא אז דאס וואס מען בלאזט נישט קיין שופר ווען ראש השנה געפאלט אום שבת, זעט מען פון די שינוי הפסוקים. אין איין פסוק

שטייט "זכרון תרועה", וואס גייט ארויף אויף "שבת" ווען מען "דערמאנט" נאר דעם ענין פון תרועה, און "יום תרועה" גייט ארויף אויף א וואכעדיגן טאג.

למעשה האט די גמרא דאס אפגעפרעגט, ווייל מדאורייתא איז נישטא אזא זאך ווי "זכרון תרועה" אלס פטור, נאר מדאורייתא דארף מען בלאזן שופר אפילו אום שבת. אויב אזוי, פארוואס בלאזט מען טאקע נישט שבת? אלס די גזירה דרבה. איז דאך שווער: אויב מדאורייתא דארף מען אלעמאל יא בלאזן שופר, פארוואס שטייט טאקע אין איין פסוק "זכרון תרועה"? די קשיא איז געבליבן שווער. די גמרא האט טאקע געזאגט א נייעם פשט פארוואס מען בלאזט למעשה נישט קיין שופר שבת, אבער די גמרא האט נישט פארענטפערט די פריערדיגע סתירת הפסוקים צווישן "יום תרועה" און "זכרון תרועה". עס זעט אויס ווי די קשיא איז קיינמאל נישט געווארן פארענטפערט.

זאגט דער "כתב סופר", אז די קשיא ווערט פארענטפערט אין די ווערטער "הכל חייבין בתקיעת שופר". דהיינו, ווען עס וואלט סתם אזוי געשטאנען אין די תורה "יום תרועה יהיה לכם", וואלט איך געטראכט כפשוטו אז עס איז א מצוה אויף יעדער איד אליינס צו בלאזן שופר. אויב עס איז א מצוה אויף יעדער איד צו בלאזן, קען מען נישט יוצא זיין ווען א צווייטער בלאזט פאר דיר. מען דארף אפילו וויסן צי "שומע כעונה" וואלט געהאלפן אויף דעם; אויף "ווערטער" העלפט עס, אבער ווער זאגט אז אויף "תקיעת שופר" העלפט עס? עס וואלט נישט געווען שייך צו מאכן א שליח, ווייל ביי א "מצוה שבגופו" העלפט נישט קיין שליחות. ווען עס וואלט געווען א מצוה פון "יום תרועה יהיה לכם", וואלט יעדער איד געמוזט אליינס בלאזן שופר.

אבער דאס איז זייער א שווערע זאך, ווייל די מציאות איז אז זייער אסאך מענטשן קענען נישט בלאזן קיין שופר. ער זאגט דארט אין "כתב סופר" אן אינטערעסאנטע לשון: עס איז ידוע אז עס זענען דא מענטשן וואס פלאגן זיך און פרובירן זיך אויסצולערנען תקיעת שופר, אבער עס גייט נישט. עס זענען דא מענטשן וואס קענען יא בלאזן און מענטשן וואס קענען נישט. אויב אזוי, וואס וועט זיין דא? מוז זיין די תורה פארלאנגט נישט פון א מענטש ער זאל אליינס בלאזן, נאר די תורה וויל אז דער שופר זאל אריינגיין אין דיר, אז דו זאלסט הערן דעם שופר. וואו שטייט דאס? וועגן דעם איז דא א צווייטע פסוק: "זכרון תרועה מקרא קודש". וואס טייטשט "זכרון תרועה"? מען קען עס טייטשן אז מען זאל געדענקען דעם "ענין פון תרועה" דורך זאגן פסוקים, אבער עס קען אויך מיינען אז א איד זאל "אריינעמען אין זיך די תרועה," ער זאל אינזין האבן אז מען בלאזט יעצט שופר. דאס מיינט אז ער זאל הערן דעם שופר. קומט אויס אז איין פסוק זאגט "יום תרועה", אז מען דארף טאקע בלאזן שופר, און דער צווייטער פסוק זאגט "זכרון תרועה", אז מען דארף עס אויפנעמען, הערן, און אינזין האבן וואס דער שופר קומט אונז זאגן.

## מצוה פון "זכרון תרועה" אריינעמען דעם "שופר"

וואס איז דער פשט? מען זעט פון דעם אז עס איז טאקע דא א מצוה פון בלאזן שופר, אבער עס איז נישט קיין מצוה אז יעדער דארף אליינס בלאזן; מען דארף בלאזן שופר כדי יעדער איינער זאל אנקומען צו "זכרון תרועה". וואס איז טאקע דער פשט? ווייל דער כלל איז, אז די תורה גיבט נישט קיין מצוות וואס נישט יעדער איד קען מקיים זיין. יעדע מצוה פון די תורה דארף יעדער איד קענען מקיים זיין. היות "בלאזן שופר" איז אן "אומנות," וואס דער נסיון ווייזט אז אסאך מענטשן פלאגן זיך און קענען עס נישט באווייזן, קען נישט זיין אז די תורה זאל די הייסן טון אזא מצוה אליינס. מען זעט טאקע אז די תורה האט געהייסן טון מצוות וואס נישט יעדער קען טון, ווי "מילה" אדער אנדערע זאכן, אבער דארטן העלפט "שליחות". אבער א מצוה וואס איז א מצוה שבגופו, וואו שליחות העלפט נישט, זאל די תורה הייסן טון א מצוה וואס נישט יעדער קען? אזא זאך איז נישטא אין די תרי"ג מצוות.

היות נישט יעדער קען בלאזן שופר, איז על כרחך אז די מצוה איז נישט דאס בלאזן שופר נאר דאס הערן דעם שופר. דאס טאקע ווייזט אונז די תורה: "יום תרועה" איז איין פסוק, אבער דער אנדערער פסוק איז "זכרון תרועה", אריינצונעמען די תרועה, צוצוהערן דעם שופר, און זיך מתבונן זיין אז דער שופר רעדט צו אונז, אז מען זאל צוהערן צום שופר מיט כוונה. ממילא זאגט דער כתב סופר אז דאס איז א "דבר נפלא מאד" אלס פשט אין דער גמרא. די גמרא האט דאך קודם אראפגעברענגט די סתירה צווישן די צוויי פסוקים, און די גמרא האט געוואלט ענטפערן אויף איין וועג, אבער מען האט עס אפגעפרעגט. יעצט, ווען די גמרא גייט זאגן דעם נייעם וועג פון גזירה דרבה, זאגט אויף דעם די גמרא אגב, און "ווארפט שוין אריין" דעם תירוץ אויף דער פריערדיגער סתירה. מיט וועלכע ווערטער? זאגט די גמרא אזוי: "הכל חייבין בתקיעת שופר" - עס איז דאך א מצוה אויף יעדן איד - "ואין הכל בקיאין בתקיעת שופר". ווי קען זיין אז עס זאל זיין א מצוה וואס "הכל חייבין" אבער "אין הכל בקיאין"? די תורה גיט דאך נישט קיין מצוה וואס נישט יעדער קען טון. אויב אזוי, פארשטייסטו פון דעם אז די מצוה איז נישט צו בלאזן, נאר די מצוה איז צו הערן. וועגן דעם שטייט "זכרון תרועה". ער האט יעצט פארענטפערט די פריערדיגע קשיא, אז "זכרון תרועה" קומט אונז אויסצולערנען אז די מצוה איז נישט צו בלאזן שופר נאר צו הערן שופר. דאס איז א דרך הלימוד אין א גמרא, וואס קען מיט אן אריכות הלשון באהאלטענערהייט פארענטפערן א קשיא וואס איז געבליבן שווער פון פריער. דאס איז דער כתב סופר'ס דבר יקר וואס ער איז אזוי שטארק משבח.

## ביי "מילה" איז דער עולם רואיג...

עס איז דא נאך א שטארקע דיוק אויף דעם ענין, וואס סיי דער כתב סופר

שטעלט זיך דערויף (אין דער זעלבער תשובה פריער,) און סיי דער נעפיו פונעם כתב סופר, דער "חתן סופר" - [אן אייניקל פון דעם הייליגן חתם סופר דורך א טאכטער,] שטעלן זיך אויף דעם זעלבן דיוק; [דער חתן סופר שרייבט טאקע דארט אז ער האט מכוון געווען צום דעת פון זיין "גרויסן פעטער", און ער האט מורא'דיג הנאה געהאט אז ער האט צוגעטראפן צום זעלבן פונקט.] למעשה האבן מיר דאך געשמועסט אז עס איז א שילוב פון דריי גמרות - שופר, לולב, און מגילה. עס איז אבער דא א שינוי לשון אין דעם אויסשמועס. אין דער גמרא אין מסכת מגילה שטייט "הכל חייבין במקרא מגילה", וואס ווי מיר האבן פריער געשמועסט, איז דאס ממש א מצוה אויף יעדן איינעם. ביי דער מצוה פון תקיעת שופר זאגט אויך די גמרא "הכל חייבין בתקיעת שופר", אבער ווען עס קומט צו לולב, זאגט נישט די גמרא "הכל חייבין בנטילת לולב" וואס איז דער פשט פון דעם שינוי לשון, אז ביי מגילה און שופר שטייט יא "הכל חייבין", אבער ביי לולב שטייט עס נישט? זאגט אויף דעם דער חתן סופר מיט זיין פעטער דער כתב סופר, אז מען קען זאגן א זייער שיינעם פשט. מען קען זאגן נאך א נקודה וואס די גמרא האט אינזין געהאט מיט די ווערטער "הכל חייבין", וואס זענען לכאורה איבריגע ווערטער. [באמת שטייט דער זעלבער פשט בקיצור נמרץ אויך אין "ריח דודאים" וואו דער הייליגער בני יששכר שרייבט אויך די נקודה בקיצור,] אז מיט די ווערטער "הכל חייבין במקרא מגילה" און "הכל חייבין בתקיעת שופר", וויל מען דא פארענטפערן א קשיא אויף דער סוגיא. דהיינו, איינע פון די זייער שיינע באקאנטע קשיות וואס זענען דא אויף דער סוגיא פון דער גזירה דרבה פון "שמא יעבירנו", איז די קשיא פון הייליגן ר"ן. (תחלת פרק ד' במסכת ר"ה) דער ר"ן פרעגט: אויב מען קען נעמען א מצוה דאורייתא און עס מדחה זיין צוליב א חשש פון "שמא יעבירנו", פארוואס זעט מען נישט אז מען זאל אזוי טון ביי א ברית מילה וואס געפאלט אום שבת? עס איז טאקע מדאורייתא, און מילה דוחה שבת, אבער עס איז דאך אויך דא א חשש פון "שמא יעבירנו", צי אויפן "קינד" צי אויפן "מוהל-מעסער". זאל מען מתקן זיין אז מ'זאל נישט מאכן קיין ברית אום שבת צוליב די גזירה? למעשה מאכט מען יעדע שבת'דיגע ברית אין איר צייט. וואס איז דער חילוק? דער זעלבער חשש פון "שמא יעבירנו" עקזיסטירט אויך ביי א ברית, טא פארוואס האט מען מילה בשבת נישט מדחה געווען?

ענטפערט אויף דעם דער ר"ן א זייער פשוט'ן, שיינעם און זיסן תירוץ. ווען עס קומט צו מאכן א ברית, איז דא "איין בעל ברית"; איין איד אין כלל ישראל מאכט דעם ברית, און גאנץ כלל ישראל ארום אים איז רואיג. אין אזא פאל דארף איך נישט מורא האבן אז דער בעל ברית וועט בשוגג טראגן פיר אמות אין רשות הרבים, ווייל אנדערע אידן וועלן אים דערמאנען; די מענטשן אין שטאט וועלן אים זאגן: "עס איז שבת היינט, מען טאר נישט טראגן". ממילא וועט מען נישט צוקומען צו קיין מכשול. אבער ווען עס קומט צו שופר, לולב, אדער מגילה, איז דאס א זאך מיט וואס די גאנצע שטאט איז יעצט פארנומען. ביי גאנץ כלל ישראל איז היינט ראש השנה, יעדער דארף בלאזן שופר, און יעדער האט דעם עול פון דער מצוה. סוכות האט יעדער דעם עול פון לולב, און פורים פון מגילה. ווען דער גאנצער עולם איז טרוד מיט דער מצוה, האט קיינער נישט קיין צייט צו טראכטן וואס יענער טוט אים צו ווארענען איז דאך דער חילוק זייער קלאר. ביי מילה, מאכט דאך נישט "גאנץ כלל ישראל" יעצט א ברית, נאר יחידים מאכן עס, דעריבער קען מען זיין רואיג אז מען וועט נישט צוקומען צו חילול שבת ווייל אנדערע אידן וועלן אים דערמאנען. אבער ביי שופר, לולב און מגילה, היות יעדער איז טרוד, ווער וועט אים דערמאנען? איז דא א נענטערע חשש פון "שמא יעבירנו". אזוי ענטפערט דער הייליגער ר"ן.

זאגן די אלע וואס מיר האבן פריער דערמאנט -ריח דודאים - כתב סופר -חתן סופר - אז די גמרא האט דא "מרמז געווען" דעם ר"נ'ס תירוץ. די גמרא האט געוואלט ארויסברענגען: דו גייסט מאכן א גזירה דרבה ווייל דו האסט מורא, אבער ביי מילה האסטו דאך נישט קיין מורא פון "שמא יעבירנו"? אויף דעם זאגט מען: "הכל חייבין במקרא מגילה", "הכל חייבין בתקיעת שופר" - דער גאנצער עולם איז פארנומען מיט דעם, ווער וועט אים דערמאנען? פון דעם אליין פארשטייט מען דעם ר"נ'ס תירוץ. מה שאין כן ביי מילה, איז דאך נישט "הכל חייבין" צו מאכן היינט א ברית, דעריבער וועט דער עולם זיין רואיג און מען וועט אים דערמאנען. דאס איז א זייער שיינער פשט צו פארענטפערן דעם לשון און די איבריגע ווערטער אין דער גמרא - "הכל חייבין במקרא מגילה" און "הכל חייבין בתקיעת שופר" - כדי צו פארענטפערן דעם חילוק צווישן דא און מילה.

## ביי "לולב" איז דאך א אנדערע "חילוק"

למעשה איז דאך אבער אביסל שווער: מיר זעען דאך אז ביי לולב שטייען נישט די ווערטער. פארוואס שטייט נישט ביי לולב "הכל חייבין בנטילת לולב", כדי צו פארענטפערן די זעלבע קשיא וואס לולב איז אנדערש ווי א ברית? דארט האט די גמרא עס אויסגעלאזט, זיכער מוז זיין א חשבון אויף יעדע ווארט אין די גמרא. זאגט דער כתב סופר א געוואלדיגע הערליכע פשט, פארוואס ביי לולב דארף מען עס נישט זאגן, צו מרמז זיין דעם חילוק פון א ברית.

זאגט דער כתב סופר אזוי: לאמיר עפעס קלאר מאכן, וואס איז דער ענין פון גיין צו א בקי? וואס זאל דער בקי טון פאר אים? באמת זענען דא דערין עטליכע מהלכים (עיין רש"י)דער כתב סופר ברענגט פונעם רמב"ם, וואס שמועסט אויס ביי יעדע זאך באזונדער וואס דער פונקטליכע חשש איז. ביי תקיעת שופר זאגט דער רמב"ם די לשון, אז ער וועט גיין צו א בקי כדי דער בקי זאל בלאזן פאר אים. ביי מגילה זאגט אויך דער רמב"ם די לשון, אז ער וועט גיין צום בקי ער זאל פאר אים ליינען די מגילה

- נישט אז ער זאל אים "אויסלערנען" צו "ליינען" אדער "בלאזן", נאר ער זאל עס טון פאר אים. אבער ווען עס קומט צו די נענועים פון לולב, דארטן זאגט דער רמב"ם יא די לשון, אז ער וועט גיין צום בקי ער זאל אים "אויסלערנען" דעם סדר הנענועים און די ברכות.

וואס איז דער שינוי? פארוואס ביי שופר און מגילה ביסטו מסביר אז ער וועט גיין צום בקי ער זאל "טון די מצוה" פאר אים, און ביי לולב זאגסטו אז דער בקי זאל אים "אויסלערנען" וויאזוי ער זאל עס "אליינס קענען טון"? זאגט דער כתב סופר זייער פשוט: מיינסטו אז מען קען זיך אויסלערנען בלאזן שופר ראש השנה אינדערפרי? איינער וואס וויל זיך לערנען בלאזן שופר האט נישט קיין צייט ראש השנה אינדערפרי, עס נעמט גענוג לאנג זיך אויסצולערנען. צו זאגן אז דאס איז א חשש, אז מען וועט גיין צו א בקי ראש השנה אינדערפרי זיך "אויסלערנען תקיעת שופר"? ניין, עס איז שוין צו שפעט.

דער זעלבער חשבון איז ביי מגילה ליינען: קען מען דען גיין צו א בקי פורים אינדערפרי זיך לערנען ליינען די מגילה? עס איז ווייטער נישט די צייט פאר דעם, מען דארף זיך שוין צוגרייטן כאטש עטליכע וואכן פאר פורים. אויב איינער קען נישט בלאזן שופר אדער ליינען די מגילה, איז די איינציגסטע ברירה צו גיין צו א בקי ער זאל עס טון פאר אים.

לולב אבער איז נישט אזא שווערע זאך אויסצולערנען פאר א איד וויאזוי מען שאקלט - דרום, צפון, מזרח. דאס קען מען זיך יא אויסלערנען אין עטליכע מינוט אין סוכות אליינס, סיי די ברכות און סיי די נענועים. דאס קען מען זיך יא אויסלערנען.

## וויפיל אזייגער גייט מען צום בקי...

לויט דעם, זאגט דער כתב סופר, קען מען פארשטיין א שיינעם חילוק: ווען וועט דער מענטש גיין צום בקי? ביי שופר מיינט עס ראש השנה אינדערפרי, ווייל ער גייט אין א צייט ווען מען איז יוצא תקיעת שופר. ביי מגילה מיינט עס אין א צייט ווען מען ליינט די מגילה. ביי לולב אבער מוז עס בכלל נישט זיין אינדערפרי; כדי זיך אויסצולערנען וויאזוי צו שאקלען לולב, קענסטו גיין ביינאכט נאכן טיש, דו קענסט גיין פארטאגס, סיי ווען, ווייל דו גייסט דאך נישט יעצט "מקיים זיין" די מצוה, נאר ער "לערנט" דיך אויס וויאזוי מען טוט עס, און נאכדעם וועסטו עס טון אליינס.

> ווען עס קומט צו מאכן א ברית, איז דא "איין בעל ברית"; איין איד אין כלל ישראל מאכט דעם ברית, און גאנץ כלל ישראל ארום אים איז רואיג.

קומט אויס אזוי: ווען מען האט געוואלט פארשטיין פארוואס ביי מילה האט מען נישט גוזר געווען. האט מען געמאכט א חילוק, ווייל ביי מילה וועלן אנדערע מענטשן אים דערמאנען וויבאלד דער עולם איז נישט טרוד, אבער ביי שופר און מגילה וועט מען אים נישט דערמאנען ווייל מען איז יא טרוד. דער תירוץ ליגט אין די ווערטער "הכל חייבין בקריאת המגילה" און "הכל חייבין בתקיעת שופר".

ביי לולב דארף נישט די גמרא שרייבן דעם לשון: ווייל ווען מען וויל פארשטיין דעם חילוק צווישן לולב און מילה, דארף מען נישט צוקומען צום תירוץ פונעם ר"ן. דער חילוק איז א פשוט'ער. וואס איז דער חילוק? מילה, ווען וועט מען גיין טראגן דעם קינד? אין די זמן המצוה, דעמאלטס ווען מען דארף מל זיין דאס קינד. דעמאלטס איז די גאס פול, דער עולם איז דא, ממילא וועלן זיין מענטשן וואס וועלן אים דערמאנען. ביי לולב אבער קען דער מענטש גיין סיי ווען, אינמיטן די נאכט אדער פארטאגס ווען די גאס איז ליידיג, איז באמת נישטא ווער עס זאל אים דערמאנען. לויט דעם הסבר אז ביי לולב איז דאך נישט די ציל אז ער גייט יעצט "טון די מצוה" ביי יענעם, נאר ער גייט זיך "אויסלערנען" די מצוה, זענען בכלל נישטא קיין מענטשן וואס זאלן אים דערמאנען.

אויב איינער וועט פרעגן די קשיא פונעם ר"ן, פארוואס ביי לולב האט מען יא גוזר געווען און ביי מילה נישט, איז דא א פשוט'ע תירוץ: ביי מילה גייט מען בזמן המצוה, זענען דא מענטשן אויפן גאס אים צו דערמאנען, אבער ביי לולב קען מען גיין שלא בזמן המצוה, וויבאלד דער חילוק צווישן מילה און לולב איז פשוט, דארף מען נישט צוקומען צו די ווערטער "הכל חייבין בנטילת לולב" צו פארענטפערן די קשיא פונעם ר"ן.

מה שאין כן ביי שופר און ביי מגילה, וואו מען גייט דאך אין די זמן קיום המצוה איז דאך יא שווער: וואס איז אנדערש מילה ווי דעם? דארף מען טאקע צוקומען צום חילוק אז דארט איז "הכל חייבין", ממילא איז יעדער איינער טרוד, מה שאין כן ביי מילה. עס איז ממש מורא'דיג אויסגערעכנט, מען שפירט עס אזוי קלאר אז די גמרא מיט די ווערטער "הכל חייבין בתקיעת שופר" מיינט טאקע צו פארענטפערן דעם ר"ן'ס תירוץ. וויבאלד ביי לולב זאגט מען עס נישט, ווייל דארט דארף מען נישט צוקומען צום תירוץ.

***

## צווייטע טאג ראש השנה

### שמחה פון "לידת רבקה"

א שטארק ווארט וואס איז נוגע פאר דעם צווייטן טאג ראש השנה. מען לייענט אין די תורה דעם פרשת העקידה ווי עס קאכט זיך א הויכע הימלישע עבודה, און צום סוף לייגט מען צו נאך א שטיקל פון עטליכע פסוקים סוף פרשה, וואס שפירט זיך אביסל ווי עס נעמט אוועק דעם גאנצן ראש השנה'דיגן טעם... [אויב מ'מעג עס אזוי זאגן אויף א גשמיות'דיגע שפראך.]עס ווערט דארט אויסגערעכנט אז נחור האט געהאט קינדער פון מילכה: עוץ בכורו, בוז אחיו, און עס איז זייער אינטערעסאנט וואס האט דאס מיט "ראש השנה"? פארשטייט מען דאך אוודאי אז אין די אלע זאכן ליגן גרויסע הייליגע סודות עליונים. איז כדאי צו דערמאנען א קליין שטיקל "גילוי", פונעם הייליגן ערשטער בעלזער רב זי"ע א קורצן רמז וואס ליגט אין די ווערטער פון די קינדער פון מילכה.

דער בעלזער רב זאגט אז די אלע חברה זענען געוואלדיגע גרויסע קליפות וואס ווילן טשעפען די קדושה, אבער עס קומט דער כח פון רבקה און איז מבטל די אלע כוחות זייערע. איז ער מסדר די פסוקים אזוי: קודם זאגט די תורה "הנה ילדה מלכה בנים גם היא" - 'בנים' איז א כלל. דערנאך הייבט די תורה אן אויסצורעכענען די נעמען: "את עוץ בכורו ואת בוז אחיו ואת קמואל" - דאס איז א פרט. לויט דעם לימוד פון "אין בכלל אלא מה שבפרט", ווען מען זאגט א כלל און נאכדעם א פרט, וויל מען עס מאכן וויניגער. זעהט מען דא, אז די תורה האט געוואלט קלענער מאכן דעם כח פון די אלע רשעים; ווייל זיי האבן שלעכטע כוחות, דארף מען זיי איינצוימען, דערפאר מאכט מען א כלל ופרט. דאס איז אלץ נאר געווען ביז "רבקה איז געבוירן". נאכדעם

**די תורה האט געוואלט קלענער מאכן דעם כח פון די אלע רשעים;**

וואס רבקה איז געבוירן, שטייט נאכאמאל איבערגעשריבן "שמונה אלה ילדה מלכה". פארוואס מאכט די תורה נאכאמאל א "כלל" און מאכט זיי צוריק גרויס? דער תירוץ איז, אז איינמאל עס איז דא רבקה, האט מען שוין נישט מורא; מען איז שוין מבטל אלע שלעכטע מקטרגים און קליפות דורך דעם כח פון רבקה.

זאגט דער בעלזער רב: דאס זעט מען אין די פסוקים אז ווען מען האט רבקה ווערן בטל אלע מקטרגים און שלעכטע כוחות איז דאס דאך א מורא'דיגע סגולה פאר ראש השנה: ווען מען לייענט די פסוקים אז אפילו אויב ח'ו אלע שלעכטע כוחות ווילן אונז טשעפען, דערמאנט מען דעם כח פון דעם וואס רבקה אמנו איז געבוירן געווארן, און מיט דעם טוט מען אלעס מבטל זיין.

דער בעלזער רב זאגט ווייטער: מען זאגט דעם קאפיטל "הודו לה' כי טוב" מיט די זעקס און צוואנציג פסוקים, און יעדער פסוק האט א באשטימטע מלאך וואס לויבט דעם אויבערשטן מיט דעם פסוק. עס איז דא א מלאך וואס הייסט שמ"רא"ז. וואס זאגט דער מלאך? דעם פסוק "ויפרקנו מצרנו כי לעולם חסדו" - דער אייבערשטער האט אונז אויסגעלייזט פון אלע אונזערע באדרענגער און מקטרגים. דער מלאך וואס ברענגט ארויס דעם כח פון "ויפרקנו מצרנו" הייסט "שמרי'-א"ל. וואס איז די ראשי תיבות פון דעם ווארט נאמען? די ווערטער רבקה שמונה אלה ילדה מלכה לנחור. דאס קומט ווייזן אז איינמאל מען האט רבקה, קען מען שוין מאכן א כלל און צוריק צוזאמנעמען אלע גרויסע כוחות, ווייל מיר האבן שוין נישט קיין מורא, עס וועט זיכער זיין "ויפרקנו מצרנו כי לעולם חסדו" - ער וועט אונז אויסלייזן פון אלע אונזערע באדרענגער. כי לעולם חסדו.

**כתיבה וחתימה טובה**

**ושנת גאולה וישועה**


להאזין ולהתענג משיעורי קול שיחתי

שיעורים קצרים מדי יום ביומו
ושיעורים מדי שבוע בשבוע



אמעריקע: 605-477-5551
ארץ ישראל: 073-388-6653
אייראָפּע: 44-333-070-6593



פאר הערות, הוספות, נדבות, און באקומען דעם גליון אויפן אימעיל:

אימעיל:
machonsichoosi@gmail.com
טעלעפאָן:
605-477-5551,7